# THE SHEPHERD OF ISRAEL

ENGLISH DEPARTMENT

Subscription Price
50 Cents A Year

Published Monthly by the Williamsburgh Mission to the Jews
27 Throop Avenue, Brooklyn, N. Y.

OCTOBER 1923
VOL. IV No. 1.

## WHAT IS RELIGION ?

That phrase is in almost everybody's mouth. The entire human race is interested in that subject. Every one of us thinks about it. It is the oldest known theme which has occupied the thought of all mankind. The Jew, the Gentile, those who go to Church and those who do not, the thief, the gambler, and the confidence man, all think of religion more or less, but few stop to think, inquire, search and find out, first what is religion, what is the definition of that term and what is its meaning. Curiously enough this phrase is applied to any system of traditions, ethics, superstitions and idolatrous customs which various races have been practicing in ignorance and darkness. Altho those systems have no foundation in the Bible, no other authority than that of plain mortals, which the Bible calls "precepts of men", Isa. 29:13, "the lying pen of scribes," Jer. 8:8 yet they call it religion. Without honest conviction, without the knowledge of God's word, they follow beliefs and opinions of ancestors and nationalities. In their ignorance they are very proud. Assuming and boasting that their respective belief is the only one which is absolutely true and best, they refuse to respond to God's appeal, "stand ye in the ways, and see, and ask for the old paths, where is the good way, and walk therein." Jer. 6:16 They despise one who dares to question their way of believing and show them the only "good way" according to God's Word. They identify religion with party spirit and nationalism. The Chinese, the Indians, the wild Africans, and others stick to their national traditions, persecuting and sometimes killing the missionaries whom God sends to bring them to the light. The Catholics have assumed a similar attitude toward missionaries. The Jews who think they have the only true religion, turn a deaf ear to our pleadings that they study their own Bible concerning the basis of their strange customs and ideas. Not only that, but they slide into a devilish hatred toward their brother who differs from their opinion concerning the Jewish Messiah, the Lord Jesus Christ. This in spite of the command in their own Bible, "Thou shalt love thy neighbor as thyself" They persecute, beat when convenient, and ostracize every Jewish man or woman who dared to forsake the beaten track, following the light of the word of God rather than the blind leaders who are in darkness. And they call that religion. "If they speak not according to this word, it is because there is no light in them". Isa. 8:20. Somehow they always manage to find reasons with which they buttress up their opinions already formed, but there is no light in their words. The fact that they hate persecute and ostracize one of their own who is given divine courage to get away from the herd habit and follow the Saviour in accordance with God's word, is the strongest proof in the case. Abraham our father refused to live in ease by thinking as others do but kept aloof from the mob. He followed the word of God rather than the crowd. "Pro patria mihi", "my country, my religion, whether right or wrong", seems to be the slogan of all those groups, races and nationalities who know not the word of God, but blindly follow others who have not the love of God in their hearts. You cannot reason with them, for they have no thinking power, their thoughts being stagnated. They love themselves and their own notions. Under the proverbial "my religion" is covered up all the national racial pride, self esteem and vain ego and high-minded personality. They shut their eyes and close their hearts to any question concerning the basis of their opinions. The only way in which they do concern themselves with reasonings is to find in their own mind some twisted arguments to defend their position. A Jewish lawyer told the writer "Not even God Almighty could make me change my religion and believe in Jesus". And he thought that he was a grand noble hero.

The seed of error is in not understanding what religion is.

### THE DEFINITION

The word "religion" is a compound Latin term for reuniting. Religio in Latin means to bring together two parts of an object which had been separated and thus re-uniting them they become one again. This is a homely illustration of the relationship between God and mankind. Our heavenly Father created our first ancestor in His own image, Adam had the privilege of associating and fellowshipping with the Creator. But when he transgressed the law of God, he lost God's companionship, was discharged from the garden of Eden, became separated from God, and thru his sin God's curse came upon this earth, Gen. 3:23. That the sin of Adam affected us all is evident, first, from God's reference to it in connection with sinful Israel. "Thy first father hath sinned, and thy teachers have transgressed against me". Isa. 43:27 and "They like Adam (literal) have transgressed the covenant". Hos. 6:7 Second, right after the fall of our first father, God describes the sinful condition of man saying, "God saw that the wickedness of man was great in the earth and that every imagination of the thoughts of his heart was only evil continually". Gen. 6:5. And as we move forward to the succeeding generations we do not find any improvement; on the contrary, conditions reached a more sinful stage. "The whole head is sick and the whole heart faint from the sole of the foot even unto the head, there is no soundness in it". Isa. 1:6. This is a sad condition in which God finds us. Our rabbis have given us rose-colored messages, glowing with poetry and complacency making us believe that a good heart, good deeds, fasting, praying and giving of alms change God's decrees against us and make us righteous. But God says, "the heart is deceitful above all things, and desperately wicked". Jer. 17:9. Again, "But we are all as an unclean thing, and all our righteousnesses are as filthy rags". Isa. 64:6. Again, "Your new moons and your appointed feasts my soul hateth,—yea, when ye make many prayers, I will not hear". Isa. 1:14-15. The Holy Spirit tells us in Proverbs 28:26, "He that trusteth in his own heart is a fool". Also in Proverbs 20:9, we find this question, "Who can say, I have made my heart clean, I am pure from my sin"? "For there is not a just man upon earth, that doeth good, and sinneth not". Eccles. 7:20 In the face of these truths of the Bible, which our own conscience will corroborate how can we claim self-righteousness or goodness? How can we, miserable sinners, have fellowship with God who is holy? What "a great gulf" is fixed between us! How wide is the separation!

But God loved us and provided a remedy, the blood. "For it is the blood that maketh atonement for your souls". Lev. 17:11. There we have the doctrine of the atoning sacrifice for the sins of men. No one can explain or understand how the blood upon the altar could work out pardon for sin, but there are many things we do not understand yet believe them. The children of Israel believed it because God said it, and they were reconciled, re-united with God. Once a year, on the day of atonement, the sins of the whole congregation of Israel were pardoned, not through fasting, or any good deeds, but by the blood of sacrifices. Upon studying the Scriptures we discover the remarkable fact that God taught Adam the doctrine of blood as a means of re-uniting sinful man to Himself.

Immediately upon the transgression of our first parents, God made for them "coats of skins". This necessarily implies the shedding of blood. Obeying this doctrine, Abel brought a more excellent sacrifice than Cain, the latter believing in his own religion, his good works, while Abel believed in God's word, "For it is the blood that maketh atonement." Lev.

שונאים. זיי פאלגען ישוע המשיח'ס נאבעלע לעהרע: "איהר זאלט ניט קעמפפען געגען דאס בייזע". (מתתיהו ה') מיר אידען ווילען אבער ניט וויסען פון ישוע המשיח און פון זיין לעהרע. אידען לאכען זיך גוט אויס פון דיעזען הייליגען פרינציפ. אידען פער־אכטען דאס אלס א פאסיווע רעזיגנירונג, און זייא ווילען רק קעמפפען, רק מלחמה פיהרען געגען יענעם וואס רעדט נור ארויס א ווארט געגען איד. דערמיט ווערען די גוים נאך מעהר אויפגערייצט און עס פאסירט מיט אונז אידען עפעס עהנליכעס ווי מיט ישמעאל'ן "והוא יהיה פרא אדם ידו בכל ויד כל בו". (בראשית ט"ז)

דער איצטיגער מצב פון אידען אין אמעריקא. מאטעריעל, פריי׳ רייך, זייער האלטונג, אויפיה־רונג, און זייער באנעהמען זיך בנוגע אונזערע ניט אידישע שכנים, דערמאנט אונז אן די אמאליגע צייטען אין שפאניען. דארט איז אונז אידען אויך זעהר גוט געווען. געוועזען רייך. איינינע האבען זיך ערווארבען הויכע שטעלעס אין קעניגליכען הויף. געזוכט נאכצוטהון די הויכע פענסטער, די אדעל־לייט, די אריסטאקראטען. האבען בעהאנגען זייערע ווייבער און דיא טעכטער מיט גאלד און בריליאנטען וואס די ניט־אידישע מאגנאטען האבען עס ניט געקענט אפארדען. דאכציך, נו, וואס פאר א פאר־ברעכען שטעקט דען דאביי? יא יא ליעבער לעזער, דאס וואלט אן־און-פאר־זיך טאקע אפשר קיין פאר־ברעכען געווען, נור וואזשע דען? דאס האט אבער אויפגעריסען די אויגען פון די גוים, און דער פועל יוצא איז געווען. . אך פרעגט שוין גאר ניט.

אונזער נארישע גאוה איז נאך ווייטער געגאנ-גען. זיא האט מיט זיך מיטגעבראכט דיא געמיינע פעראכטונג געגען ישוע המשיח און געגען גאנצען קריסטענטום. דער המון האט זיך געוועהנליך דרויף אנגעהויבען צו בעקלאגען, דיא אנגעוועהטאגטע גע-פיהלען האבען אנגעהויבען צו פראטעסטירען געגען דער אידישער אויפיהרונג. סטייטש, וואס האסטו איד געגען מיינע "אמונה־געפיהלען" וואס איז איינ־געוואקסען אין מיין הערץ און אין מיין נשמה? ! נו נו! שווערע וואלקענס האבען זיך אנגעהויבען צוזאמען צו קלויבען איבער אידישע קעפ און די קאטאסטראפע איז לײדער געקומען.

וואלטען אידען דעמאלס געווען תשובה געטהון און פערלאזט זייערע נארישע דרכים, ניין, דאס גרויסע אומגליק מיט אידען אין שפאניען וואלט דאמאלס לחלוטין ניט געווען פאסירט, ווייל "יעזב רשע דרכו ואיש און מחשבותיו וישב אל ד' וירחמהו" (ישעיה נ"ה) זיי האבען אבער דאס ניט געטהון. דער כעס איז דערווייל געוואקסען ביי די גוים, ביז, יא, ביז דער שוין לאנג אנגעוועהטאגטער צארן האט אויף איינמאל געפלאצט. דער שרעקליכער שטורם האט אויסגעבראכען. די האלסייל הריגה האט אנגעהויבען איהר בלוטינעס שפיעל און האט געענדיגט מיט דעם אלבעקאנטען "גלות שפאניען".

ווער עס האט אפענע אויגען קען גלייך זעהן דעם פאראלעל צווישען שפאניען און אמעריקא. עס האט שוין אנגעהויבען צו דונערן אויך דא אין אמעריקא! ס'בליצט! ס'איז א שטיקענדיגע אטמוס־

פערע! די וואלקענס ווערען געדיכטער! דער ווינד מארבע כנפות הארץ טרייבט זייא שנעל צוזאם אין א שווערע מאסע איבער אונז! אה אידישע ברידער קענט איהר נישט אליין זעהן אז "הלא דבר הוא?"

מיר וואס גלויבען אין ישוע המשיח האבען ווייטזיכטיגע גייסטיגע אויגען. מיר הויבען דערפאר אויף דעם "קול קורא", דעם פראפעטישען רוף פון גאט'ס ווארט דורך זיינע נביאים, און מיר בעטען אייך ברחמים, "האמינו בנביאיו והצליחו". (ד"ה ב', כ') לאמיר זיך דערפאר ווענדען צו גאט דורך ישוע המשיח וועלכער איז דער איינציגער וועג און מיטעל אז מיר זאלען גערעטעט ווערען פון דעם חרון אף וואס קען באלד אויסברעכען, ר"ל, בעפאר ס'איז צו שפעט.

פיעלע פון אונזערע אידישע ברידער וועלען מסתמא, ווי געוועהנליך, ענטפערן אויף אונזערן אויפרוף, מיט זלזולים און רדיפות. מאנכע אידישע עדיטארס וועלען אפשר גאר ארויס מיט א "הבה נתחכמה" געגען אונז, די אלע זאכען וועלען אונז אבער ניט ענטמוטהיגען, ווייל, האבען דען ניט אזא קלאס אידען פערפאלגט ישעיה ירמיה יחזקאל און אלע אנדערע נביאי אמת! האבען די נביאים דערפאר אויפגעהערט צו רעדען? חלילה! גאט זאגט דורך יחזקאל: "בית ישראל לא יאבו לשמע אליך כי אינם אבים לשמע אלי..... ואמרת אליהם כה אמר ד' אם ישמעו ואם יחדלו". (יחזקאל ג)

איך האף אבער, אז פיעלע פון אונזערע ווערטהע לעזער וועלען דאס יא צום הערץ נעמען און אנעמען דיא גוטע עצה וואס איז מעהר ווערטה פון כל המון דעלמא. און דאס איז: "האמינו בישוע המשיח ותושע נפשכם".

## דעם איד'ס וידוי צו ישוע

"וואלט מיין מאמע מיר דערצעהלט
פון דיין גרויסקייט און דיין פראכט,
וואלט קיין ליכט מיר אויסגעפעהלט
אין מיין וואנדעל דורך די נאכט.

"וואלט מיין טאטע מיר געזאגט
אז דו ביסט דער שטאלץ פון אידען
וואלט איך קיינמאל זיך באקלאגט
אז איך האב אין הארצען קיין פרידען.

וואלט מיין רבי מיר אמאל
געוויזען דיין נחמה
וואלט פיעל ברכות אהן א צאהל
אריין אין מיין נשמה.

"וואלט מיין פאלק געוואוסט דיין ווערטה
וואלט ער אויסגעמידען צרות,
ס'וואלט איהם אויך געווען באשערט
ניט צו וויסען פון גלות......

ווענען מאנגעל אין פלאץ, לאזען מיר אויס דיעזען מאנאט די "גרויסע אידען". נעקסטען מאנאט אי"ה!

17:11. Thus Abel had religion, religio, but Cain with the showing up of his good works received the curse of God and became a vagabond. But that remedy, the blood of sacrifices, worked only temporary reunion. Every day of atonement, and in some cases every day, there had to be fresh shedding of blood. Therefore God gave His own great sacrifice, the Messiah Jesus His only begotten Son, who offered Himself once for all, for the sins of every one who believes. We read Isa. 53 where is given a brief description of the suffering Messiah as a sacrifice for our sin. "Jehovah hath laid on him the iniquity of us all. Isa. 53:6. This is religion. Thru faith in Christ we are saved from the curse of sin and reunited to God again. We believe in God's word, not in man's traditions. We do not hate others who differ from us in their views. We love all men and we pity their souls, going to perdition because of sin. We, therefore offer them that great salvation thru the Messiah of God. We desire to show them the way to be saved. This religion is not "my religion", it is the only one religion which God in His great love and mercy gave to every one who believes that not one soul should perish but have everlasting life.



בית שר שלום

קארנער טרופ עוו. און וואלטאן סטריט, ברוקלין נ.י

קומט צו אונזערע פערזאמלונגען

פרייטאג נאכט 8 אוהר ---- פיר מענער און פרויען
זאנטאג נאכט 8 אוהר ---- פיר מענער און פרויען

פערלאנגט אונזערע טראקטאטען

1) קול קורא
2) מה שמו...
3) לשני בתי ישראל
4) ויכוח
5) הנה העלמה..
6) למה חרה לך

שיקט אונז אייער נאמען און אדרעס וועל מיר אייך צושיקען גראטיס סיי וועלכעס פון דיזע ביכלעך וואס איהר וועט פערלאנגען.

# THE SHEPHERD OF ISRAEL

PUBLISHED MONTHLY TO GIVE ISRAEL A KNOWLEDGE OF THE TRUE SHEPHERD, THE MESSIAH

אני הוא הרעה הטוב
יוחנן 10 - 11

# רעה ישראל

והקמתי עליהם רעה אחד
יחזקאל לד 23

א מאנאט'ס בלאט צו ערקלעהרען צו ישראל דעם אמת'דיגען משיח

Subscription Price
50 Cents A Year

Published Monthly by the Williamsburgh Mission to the Jews
27 Throop Avenue, Brooklyn, N. Y.

OCTOBER 1923
VOL. IV No. 1.


## א שפּוגעל נייע ערפינדונג

ביי א גרויסער צוזאמענקונפט פון דאָקטוירים אין שיקאגאָ, האָט דער יונגער דאָקטאָר, ד. ס. אללען, באקאנט געמאכט זיין שפּוגעל - נייע ערפינדונג. ס'איז אזא אינסטרומענט וואס ער רופט אן "קאַרדיאסקאָויפּ", אז ווען מ'שטעלט עס צו, צו א מענשענס הארץ קאן מען דאדורך זעהן אלע באַוועגונגען פון די פארשידענע קעמערליך דרין.

דיזע ענטדעקונג וועט זיין א גרויסע הילף צו אלע וואס לײדען אויף הארץ-קראנקהייט, ווייל דורך דעם ניי ערפונדענעם אינסטרומענט וועט מען קענען מאכען נייע אָפּעראציאָנען אויף'ן הארץ וואס איז ביז איצט לחלוטין אונמעגליך געוועז. און אזוי ארום וועט די צאהל טויטענפעלע פון הארץ קראנקהייט פיעל פארקלענערט ווערען.

ס'פארשטעהט זיך אז אפילו דיזע ענטדעקונג זאל ממש פערווירקליכט ווערען וועט עס נור העלפען פון א פיזישען שטאנדפּונקט, ווייל אין גייסטיגען זין קאן קיין מענש אין דער וועלט פארשטעהן אָדער בעגרייפען די באוועגונגען אין די חדר'ליך פון'ם מענשליכען הערץ. דאס הייליגע תנ"ך האָט מכח דעם ענין פיעל צו זאגען:

אין ירמיה י"ז לייענען מיר "עקב הלב מכל ואנש הוא מי ידענו. אני ד' חקר לב, בחן כליות, ולתת לאיש כדרכיו וכפרי מעלליו". ד"ה, דאס הארץ פון'ם מענש איז דער גרעסטער בעטריגער... ווער קען עס דען גאר פארשטעהן? נור איך, גאט, קאן עס פארשטעהן כדי צו באצאהלען יעדען נאך זיינע מעשים.

פאר'ן מענשליכען אויג קומט אויס, אז ווען א איד נעהט אין שוהל און דאווענט, ער גיט צדקה און נאך אזאלכע זאכען, איז ער דערפאר אן ערהליכער איד ווייל ער געהט דאך אויף'ן וועג וואס אנדערע פרומע אידען פיהרען איהם. אבער קיין שום מענשליך אויג איז אימשטאנד אריין צו קוקען דארט אין'ם הערץ פון'ם פרומען איד אָדער פון'ם באריהמטען רב און זעהן וואס פאר א מין חושך מצרים דארט איז פאראן. ניין, דאס קען נור גאט ב"ה אליין, אזוי ווי גאט אליין האט געזאגט צו שמואל הנביא: "כי האדם יראה לעינים וד' יראה ללבב" (שמואל א, ט"ז) ד"ה, דער מענש קען נור זעהן פון אויסווענדיג, אָבער גאט בליקט אריין טיעף אין הארץ. דער פונדאמענט פון אידישקייט ליגט אין הארץ. "רחמנא לבא בעי".

אָבער חאָטש מיר מענשען קענען יענעם נישט אריין קוקען אין הארצען און זעהן וואס דארט איז, קען מען אָבער זעהן דיא פירות, דיא פּראָדוקטען פון הארץ. ישוע המשיח האָט אונז באלעהרט, אז פון'ם הערץ קומען שלעכטע געדאנקען, רציחות, נאופים, גנבות און שקר. (מתתיהו ט"ו) ווען א איד צייגט רציחה ווען מ'רעדט צו איהם פון ישוע המשיח, אָדער ווען ער האסט א אידישען ברודער ווייל ער גלויבט אין ישוע המשיח, צייגט ער שוין דערמיט די פארפוילטע פירות פון זיין הערץ. אזא שנאה און טייפלישע רציחה שרייט אויס הויך אז זיין דאווענען און זיין צדקה געבען טויג אויף גוטע כפרות, ווייל "וכל לבב דוי". (ישעיה א) ד"ה, דאס גאנצע הערץ איז שמוציג, אונריין און טמא.

מ'האט אמאָל געפרעגט ישוע המשיח, וועלכע איז די גרעסטע מצוה אין דער תורה? האט ער געענטפערט: "ואהבת את ד' אלהיך, און "ואהבת לרעך כמוך", ווייל פון דיעזע צוויי מצות, הענגען אָפּ אלע אנדערע מצות. (מתתיהו כ"ב)

ס'איז טאקע ליבענס-ווערטה צו זעהן אידען לומדים, בעלי צדקה, כלל טהוער, שוהל געהער, שומרי שבת, אד"ג. ווען דאס איז אבער געטהון ניט מיט א כשר'ן הערץ, איז עס אזוי גלייך ווי "טובל ושרץ בידו"! און גאט ב"ה בעקלאגט זיך טאקע דרויף אין ישעיה כ"ט: "כי נגש העם הזה בפיו.... ולבו רחק ממני" והא ראיה, אום סאמע ר"ה זיינען געקומען א מאסע אידען און א פּאָגראָם געמאכט אויף א אידישער מיסיאָן און מחלל השם געוועזן לעיני כל הארץ. נון, ווי אזוי קען שוין אויסזעהן דאס גאנצע דאווענען מיט די חזנים, רבנים, מיט זייער גאנצען ביסעל אידישקייט, ווען ביי זיי איז פאראן אזא רציחה'ש הארץ נעגען זייערע אייגענע אידישע בריעדער, זייער אייגען בלוט און פלייש.!

דערפאר זאגט טאקע גאָט ב"ה דורך משה רבינו צו די אידען: "ומלתם את ערלת לבבכם" (דברים י') ד"ה, די אויסענווענדיגסטע מילה אליין, נוצט ניט צו פארבעסערן דעם שלעכטען כאראקטער, נייערט, דיא באשניידונג פון פארשטאָפּטען הערץ, אָט דאס איז דער עיקר. ווייטער אין זעלבען פסוק זאגט טאקע גאט ב"ה דורך משה רבינו: "וערפּכם לא תקשו עוד". ד"ה, ווען אידען וועלען מל זיין זייער הערץ ,וועלען זיי שוין ניט זיין מעהר הארטנעקיג, איינגעשפארט און ניט מעהר אן "עם קשה עורף" הייסען.

עס זיינען שוין ביינאה צוויי טויזענד יאהר, אז מיר אידען אלס א פאָלק, זיינען אין פינסטערען גלות, לחרפה למשל ולשנינה, ללעג ולקלס בכל הגוים, און נור אליין וועגען דעם נאציאָנאלען חטא וואס אונזערע עלטערען האבען בעגאנגען מיט דעם וואס זיי האבען פארוואָרפען, געשענדעט און איבערגעגעבען דעם קדוש ישראל, ישוע המשיח, צו גוי'שע הענד אז מ'זאל איהם קרייציגען. יא, מיר זאגען אז נור צוליעב דער איינציגער זינד, ווייל דאס כלל ישראל איז נאך קיינמאל ניט בעגאנגען אן אנדערען חטא צוליעב וועלכען דער גאנצער כלל ישראל לידט אזוי שטארק און אזוי לאנג.

די גאנצע צרה קען אבער לייכט געהאָלפען ווערען, נעהמליך, דורך אונזער אנערקענען איהם, ישוע המשיח, אלס אונזער גואל צדק, אזוי ווי די הייליגע נביאים האבען וועגען איהם פאראויס נביאות געזאגט. די צרה איז אבער אז אונזערע רבנים און כלל טהוערס ווילען דערצו ניט דערלאזען. זיי ווילען ניט מל זיין זייערע פערשטאָפּטע הערצער, און ווילען ניט אוועק ווארפען דעם "קשה עורף". און ווי שטארק בעקלאגט זיך גאט ב"ה דורך ירמיה הנביא: "כי כל הגוים ערלים וכל בית ישראל ערלי לב"! (ירמיה ט') אבער ווי קען מען דען דעם איד גאר פארשטעהן!?? ווען עס קומט ר"ה און יו"כ בעט ער אליין צו גאט "ומול את לבבנו לאהבה את שמך". אבער ווען עס קומט דערצו, בלייבט ער נעביך דערזעלבער "ערל בלב" ווי צופאר, און האסט ישוע המשיח און אלע אידען וואס גלויבען אין איהם בתכלית השנאה: חאָטש גאט ב"ה האט זיין חותם געגעבען אז ישוע איז דער משיח אמת.

עס איז כדאי מיר זאלען זיך אביסעלע פארטיפען אין דעם ענין און זעהן וואס דער "קשה עורף" האט אונז שוין אבגעקאסט. דאס האט דערצו געברענגט אז גאָט ב"ה האָט ערלויבט אז מ'זאל אונזערע שוועסטער און ברידער פייניגען, רויבען און אויסקוילען ווי די שעפּסען. און דיעזער אומגליקליכער "קשה עורף" ווערט אזוי נעביך אין יעדען דור איינגעפלאנצט אין הארצען פון אונזערע אונשולדיגע


Entered as second class matter April 14, 1922 at the Post Office at Brooklyn, N. Y. under the Act of March 3, 1879.